# קרית ברסלב בלעטל

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
**מוסדות היכל הקודש**
**קרית ברסלב ליבערטי**
בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

**פרשת שמות, כ"א טבת תש"פ לפ"ק**
**שנה א' גליון ט"ז**


**זמנים**
(Liberty)
הדלקת הנרות........4:36
מוצאי שבת קודש........6:08

## א מעשה פון תפלה

### יצחק אהרן וויינבערג

מיין אויל פון די בוילער איז אויסגעלאפן, א קאמפאני איז געקומען אנפילן צוריק מיט אויל, למעשה האט זיך עס אבער נישט אנגעצינדן, איך קאל צוריק די קאמפאני, זאגן זיי מיר אז מען דארף אויסליידיגן די גאנצע טאנק פון אויל ווייל עס האט אין זיך וואסער, און נאכדעם נאכאמאל אנפילן מיט די אויל, און אויך נאכן דאס טוהן וועט עס זיין אויף מיין אייגענע אחריות, פארשטייט זיך אז דאס איז א גרויסע געלט שאדן, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן ער זאל מיך העלפן, איין טאג האב איך געטראפן א חבר און ער זאגט מיר ער האט א אינגערמאן וואס קען מיר העלפן מיט דעם, איך קאל אים אן איך פארצייל אים וואס די קאמפאני האט מיר געזאגט, זאגט ער מיר ער האט נאכנישט געהערט אזא זאך, ער איז ארויפגעקומען עס פיקסן און ביז א קורצע צייט איז עס געווען געפיקסט און געלויבט דעם אייבערשטן אז עס איז נישט געווען קיין גרויסע שאדן. שכח אייבערשטער!

### יצחק אהרן וויינבערג

איך פלעג האבן שטאטישע פראגראמען צו קענען קויפן עסן אין שטוב אבער זיי האבן עס אוועק גענומען א צייט צוריק, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז זיי זאלן עס צוריק געבן פאר מיר, און שכח אייבערשטער אז דעי וואך האב איך באקומען די גוטע בשורה אז זיי שטעלן עס צוריק אזוי ווי פאר דעם.

### שמשון צבי טייטעלבוים

איך פאר מיך רואיג אויפן 17 אויפ'ן וועג צום שטעטל, אינמיטן זעה איך א הערש שפאצירט אריין אויפ'ן ראוד, איך בין געפארן אויף די רעכטע לעין, גלייך האב איך געבעטן דעם אייבערשטן ער זאל מיך דא ראטעווען פון דעם הערש איך זאל נישט אריין קראכן אין אים, למעשה איז די הערש ברוך השם נישט אריינגעלאפן ווייטער אין די ראוד נאר געבליבן שטיין ביי די רעכטע לעין און איך האב מיך פלינק אוועק געדרייט צו די לינקע לעין און אזוי זיך גערעטעוועט. שכח אייבערשטער!

**נקודה**

איך האב דיר ליב, איך בענק נאך דיר; אפילו איך זע דיר נישט, איך שמועס נישט מיט דיר וכו' וכו', דאך ביסטו איינגעקריצט אין מיין מח און אין מיין הארץ.

(עצתו אמונה תולדות תשע"ח)

## נייעס אין שטעטל

### מען ארבעט אויפ'ן עירוב

זונטאג אינדערפרי אום 12:00 איז דער בעל המכשיר פון ועד העירוב הרה"ג ר' חיים מאיר שטיינמעץ שליט"א בן הרה"ג ר' יחיאל שטיינמעץ שליט"א דומ"ץ במאנסי ארויפגעקומען און איבער געגאנגען דעם גאנצן געגענט ווי די עירוב גייט ווערן געמאכט, וואס דאס האט גענומען אן ערך פון דריי שעה ביז 3:00 אזייגער.

אום 3:00 אזייגער האט מען געדאווענט מנחה, דערנאך האט מען געהערט א שיעור פונעם בעל המכשיר ווי ער איז איבערגעגאנגען אלע דעטאלן וואס עס פעלט אלץ אויס צו קענען האבן דעם עירוב, סיי די חלק וואס איז נוגע דעם געזעץ ווי אלעס דארף גיין אויף א לעגאלע אופן, און סיי די חלק וואס איז נוגע די הלכה ווי מען האט אויסגעשמועסט קלאר אלע דעטאלן וואס עס גייט זיך אויספעלן צו וויסן אויף למעשה.

מען האפט צו קענען האבן די עירוב גענדיגט ווי שנעלער אזוי ווי עס פעלט זיך אויס פאר א אידישע ישוב.

צו פארשטיין די וויכטיגקייט פון האבן א עירוב קענט איר זעהן אין די פאלגענדיגע בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א

בעזרת ה' יתברך - יום א' פרשת שמות, ט"ו טבת, שנת תש"פ לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר, תושב קרית ברסלב ליבערטי.

א גרויסן יישר כח פאר'ן קומען היינט נאכמיטאג אין בית המדרש הערן דעם שיעור פונעם בעל מכשיר שליט"א, וועלכער האט אויסגעלערנט ווי אזוי צו בויען דעם עירוב.

איך האף אז דו וועסט קענען מארגן קומען העלפן אנהויבן בויען דעם עירוב, מיט דעם וועלן מיר באפעסטיגן דעם שטעטל. אזוי ווי דער הייליגער בעל שם טוב זכותו יגן עלינו האט געזאגט אויפ'ן פסוק (חבקוק ג, יב): "בְּזַעַם תִּצְעַד אָרֶץ", אז זע"ם איז ראשי תיבות: ז'ביחה, ע'ירוב, מ'קוה; מיט די דריי זאכן טוט מען באפעסטיגן דעם פלאץ.

זע צו לערנען דעם בלאט גמרא יעדן טאג; מיר האבן ברוך ה' אין שטעטל צוויי שיעורים, א שיעור פארטאגס און א שיעור ביינאכט. זאלסטו קומען לערנען א בלאט גמרא יעדן טאג, דאס וועט דיר געבן כח איבערצוקומען אלע דיינע שוועריקייטן.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע דיינע וועגן.

# בריוו פון דעם ראש ישיבה שליט"א

בעזרת ה' יתברך - יום ג' שמות, י"ז טבת, שנת תש"פ לפרט קטן

לכבוד מיין טייערע ... נרו יאיר.

איך האב ערהאלטן דיין בריוו'עלע.

דו מיינסט איך בענק זיך נישט נאך ענק? דו מיינסט איך בין מסיח דעת פון ענק? **איך בין נישט מסיח דעת פון שטעטל**, עס איז א חלק פון מיין לעבן, טאג און נאכט טראכט איך פון ענק וואס נאך איך קען טוהן פאר ענק, **טאג און נאכט בעהט איך פאר ענק.**

איך בין אביסעלע אפגעשוואכט פונעם שבת סיום הש"ס, איך וויל קומען צו ענק מער ווי איר ווארט אויף מיר.

איך האף צום אייבערשטן צו קענען קומען וואס שנעלער און וואס מער.

דיר בעט איך זאלסט אריין בלאזן חיות אין אלע אנשי שלומינו, ווען מען קומט אין שוהל שחרית מנחה מעריב זאלסטו רעדן מיט אנשי שלומינו דיבורי התחזקות דיבורים פון רבי'ן, אז מען רעדט פון רבי'ן ווער מען גלייך אויפגעלעבט, עס ברענגט אריין חיות אין די נשמה.

זיי שטארק צו קומען אין כולל יעדן אינדערפרי לערנען הלכה, זעה דער פלאץ זאל זיין די ד' אמות פונעם אייבערשטן - וואס דאס איז הלכה, אויך קום ביינאכט צום דף שיעור.

קוק גוט אויף יעדן איינעם.

בעזרת ה' יתברך - יום ג' שמות, י"ז טבת, שנת תש"פ לפרט קטן

לכבוד מיין טייערע ... נרו יאיר.

איך בענק זיך זייער צו הערן פון דיר, איך ווארט צו הערן וואס טוט זיך אין חדר.

איך האף אז דו שטארקסט זיך, דו האסט סבלנות צו די טייערע יונגע ריינע קינדער, דו רעדסט מיט זיי אזוי ווי מען רעדט מיט דערוואקסענע מענטשן.

מוהרא"ש זאגט: א מלמד זאל זיך פארשטעלן ווי ער לערנט מיט דערוואקסענע מענטשן, דעמאלטס וועלן זיינע דיבורים זיין אזוי ווי עס דארף צו זיין.

יעצט ווען מען לערנט די פרשיות פון מצרים זאלסטו זיי דערציילן ווי פרעה מיט די מצריים האבן געשלאגן און געהארגעט אונזערע עלטערן, און אונזערע עלטערן - די אידן האבן גארנישט געקענט טוהן, מען האט נישט געקענט אנטלויפן, מען האט נישט געקענט רופן די פאליציי וויל די פאליציי האבן אליינס געהארגעט און געשלאגן, מען האט נישט געקענט רופן שומרים, חברים וכו' וכו', **מען האט נאר געקענט גיין צום אייבערשטן**, האבן די אידן געשריגן צום אייבערשטן, אזוי ווי עס שטייט (שמות ב כג) ויאנחו בני ישראל מן העבודה ותעל שוועתם, דער אייבערשטער האט זיי צוגעהערט און געשיקט א גרויסע צדיק משה רבינו. דאס זאלסטו אריינפרעגל'ן אין די קינדער.

לערן מיט די קינדער שרייבן, ליינען וכו' וכו', דאס איז זייער וויכטיג אונזערע קינדער זאלן קענען שרייבן און ליינען, לייג אריין ביי דעם לימוד א שטארקע דגוש, פארשטייט זיך מיט גוטנ'ס מיט פרסים וכדומה.

זעה צו רעדן אין בית המדרש שיחות חברים מיט אינגעלייט שיחות פון רבי'ן פון מוהרא"ש.

iSecure
For all your low voltage technology needs.
Motty Heimlich
Phone: 347-738-1041
Email: motty@isecureny.com